ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
שמיני

שער
שלישי

# שיחות

כבוד קדושת

## אדמו״ר יוסף יצחק

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאַוויטש

ליל א׳ דחג הפסח
אחרון של פסח
— ה׳תש״ז —

יוצא לאור בפעם הראשונה מגוף כתי״ק

על ידי מערכת
„אוצר החסידים״

770 איסטערן פּאַרקוויי
ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וארבע לבריאה

**Sichas Pesach 5707**
Copyright © 2024
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

Order Department:
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / FAX (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch®.

---

**נסדר בדפוס „עזרא"**
**ע"י ירמי' הכהן בן לאה מיטא שי'**

ב״ה

# פתח דבר

**לקראת חג הפסח הבעל״ט, הננו מוציאים לאור –** בפעם הראשונה מגוף כתי״ק **– את שיחות כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע מליל א׳ דחג הפסח ומאחרון של פסח – תש״ז.**

**השיחות נכתבו ע״י כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע ונעתקו ע״י המזכירות ואח״כ הוסיף כו״כ ענינים בכתי״ק.**

**חלק משיחות אלו נדפס בספר השיחות תש״ו־ה׳שי״ת – חלק קטן מכתי״ק והשאר מהנחה בלתי מוגה[1].**

*

**לתועלת הלומדים והמעיינים באו בשולי הגליון מראה מקומות וציונים – נערכו ע״י הרה״ת ר׳ אהרן לייב שי׳ (בהרשד״ב) ראַסקין[2].**

## מערכת „אוצר החסידים״

יא ניסן, ה׳תשפ״ד
ברוקלין, נ.י.

---

1) בהוצאה זו הוספנו בהערות כמה פרטים מהנחה בלתי מוגה.

2) הגהת הגליונות נעשתה ע״י הרה״ת ר׳ יהושע העשל שי׳ הכהן יאַרמוש.

# ליל א׳ דחה״פ, תש״ז

א. מה נשתנה.

הוד כ״ק רבינו הזקן איז געווען אַ מסודר נפלא אין אַלע ענינים[1], אין אַלע זמנים, בחול, בשבת, במועדים, אין אַלע כ״ד שעות פון מעת לעת. דער רבי איז געווען אַ עצמי[2], אַ עצמי איז זיך ניט משתנה, אין יעדער זמן און אין יעדער מקום איז ער אַ עצמי[3].

וואָס באמת איז אין דעם דער חילוק צווישן עצם הנשמה און התפשטות והארת הנשמה. עצם הנשמה כמו שהיא למעלה איז העכער פון זמן ומקום, אָבער די הארת הנשמה וואָס איז מלובש אין גוף איז בכל זמן ובכל מקום אַ הארה.

רבינו הזקן איז געווען אַ עצמי, אַז באַ אים האָט די עצם הנשמה מאיר געווען בגילוי אין גוף, און די חילוקי ענינים אין[4] משך היום היינו כ״ד שעות היום, און די חילוקי זמנים פון חול שבת ומועדים איז דאָס אויך באַ אים געווען אַ חילוק עצמי ווי עס איז אין עצם הנשמה.

ב. די פיסקא רבן גמליאל הי׳ אומר כו׳ פסח מצה ומרור כו׳ געזאָגט נאָך אין די ימי המשנה[5].

ג. דער סדר פון פרעגן די פיר קשיות געדענק איך נאָך פון די גאָר פריערסטע קינדער יאָרן. הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק פלעגט שטאַרק מדקדק זיין אין דער השגחה אויף יעדער פרט פון מיין הנהגה. דער נוסח פון מה נשתנה איז געווען אָנצוהויבן,

טאַטע איך וועל באַ דיר פרעגן פיר קשיות,

די ערשטע קשיא איז מה נשתנה הלילה הזה, וואָס איז פאַרענדערט די נאַכט פון פסח פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, און די פאַרענדערונג איז אין פיר זאַכן. די ערשטער שינוי איז אַז בכל הלילות פון אַ גאַנץ יאָר זיינען מיר ניט מחוייב אין טיבול און אין דער נאַכט פון פסח זיינען מיר מחוייב להטביל שתי פעמים.

די צווייטע קשיא,

די דריטע קשיא,

די פערטע קשיא.

ד. ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד האָב איך געהערט דעם סיפור פון טאַטן, אַז דער אַלטער רבי האָט געהערט פון זיין טאַטן — ר׳ ברוך[6] — אַז זייענדיק ביי זיין רבי׳ן — הבעש״ט נ״ע — פסח ביים סדר האָבן די תלמידים געפרעגט די קשיות מה נשתנה מיט דעם נוסח: טאַטע איך וועל דיר פרעגן פיר קשיות, און מיט דעם ניגון הידוע לזה.

ה. באַ הוד כ״ק אאזמו״ר הרה״ק צמח צדק פלעגן אַלע קינדער פרעגן די

1) ראה גם אגרות־קודש ח״ג ע׳ תד (הועתק ב„היום יום״ ז תמוז). ח״ט ע׳ עדר. ספר השיחות קייץ ה׳ש״ת ס״ע 127.

2) ראה ספר השיחות תרצ״ד ע׳ 316 ואילך. תרצ״ה ע׳ 522.

3) ראה ספר השיחות תרצ״ד שם.

4) ענינים אין: כ״ה בכתי״ק. בהעתקת המזכירות: זמנים פון.

5) ראה משנה פסחים קטז, סע״א ואילך.

6) ראה אודותיו — ספר הזכרונות ח״א פרק י־כג. כז־כח. ל־לא. לד־לו. מ. מח. נב־סא. ח״ב הקדמה פרק ב־ג. סב. סד. סז. ע־פ. צד. צט. קז. קטו. קיח־קכ. קכד. קל־קלא. קלז. ספר השיחות תרצ״ב ע׳ 50. וש״נ.

קשיות און מיט דעם נוסח כנ״ל, נאָכדעם פלעגט דער רבי אַליין פרעגן בלחישה די קשיות וג״כ בנוסח הנ״ל[7].

ו. ניט לאַנג האָב איך געזען אַ הגדה וואָס איז לעצטנס אָפּגעדרוקט געוואָרן, וואו עס געפינען זיך יסודות׳דיקע טעמים על סדר ההגדה, ברענגט ער דאָרטן אַ טעם אויף דעם מנהג צו זאָגן טאַטע איך וועל דיר פרעגן פיר קשיות, און זאָגן דעם מספר הקושיות כנ״ל בשם הגאונים.

ז. עד שבאו תלמידיהם ואמרו להם רבו־תינו וכו׳.

אין דעם ענין פון רב ותלמיד, איז דאָך דער רב פועל אין דעם תלמיד, וואָס ער איז מעמיד אַ תלמיד, ובפרט אַז די תל־מידים זיינען רבנים, כ׳מיין ניט מיט דעם וואָרט, סתם רבנים, נאָר וואָס דער תלמיד איז שוין אַליין בבחי׳ רב, בבחי׳ משפיע.

עוד זאת, אַז די תלמידים קומען צו זייער רבי׳ן און דערציילן וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן. און דאָס איז די כוונה, עד שבאו תלמידיהם ואמרו להם רבותינו הגיע זמן ק״ש וכו׳, דאָס זיינען זיי געקו־מען דערציילן וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן.

עס איז ידוע דער וואָרט, אַז דער אַלטער רבי האָט געהאַט אַ זון דעם מיטעלן רבי׳ן, במילא איז ער דאָך געווען אַ טאַטע, אָבער די שלימות פון טאַטן איז אַן אייניקל[8].

ח. רבי אליעזר אומר מנין וכו׳ אמור מעתה במצרים לקו וכו׳.

אחד מהמסובים[9] אמר ההגדה בקול רם ומיילל קצת, וכשהגיע לפיסקא זו, הפסיק אותו אחד מזקני החסידים[10] שישב כנגדו ואמר לו וואָס קלאָגט איר אַזוי באַ די מכות פון די מצרים?

די מכות אויף די שונאי ישראל האָבן איצט אויך בעדאַרפט זיין.

והעיר ע״ז כ״ק אדמו״ר שליט״א זיי דאַרפן טאַקע זיין בפועל, וועט דאַ־מאָלסט זיין די אמת׳ע שמחה.

ט. אחרי סיום ההגדה, לשנה הבאה בירושלים.

דער אויבערשטער זאָל אונז באַצאָלן דעם חוב הייאָר. דער אויבערשטער איז אונז אַ בעל חוב, ער האָט אונז צוגעזאָגט ברענגען משיח׳ן, זאָל ער אונז אים טאַקע ברענגען הייאָר. גענוג געקאָר־מעט מיט הבטחות, עס איז שוין שווער אַריבערצוטראָגן, דער ביטערער גלות איז שוין אַריין אין די ביינער, ער איז שוין דערעסן געוואָרן ווי אַ ביטערע ציבעלע[11], זאָל דער אויבערשטער באַ־צאָלן דעם חוב און ברענגען משיח׳ן דעם יאָר.

---

7) ראה גם ספר השיחות תרצ״ה ע׳ 515. תש״ד ע׳ 87. תש״ט ע׳ 315. הגדה של פסח עם לקוטי טעמים ומנהגים ע׳ יג. שיחת י״א ניסן תשמ״ג (תו״מ ח״ג ע׳ 1226).

8) ראה ספר התולדות אדמו״ר מהר״ש ע׳ 9. ספר השיחות תש״ה ע׳ 1.

9) ר׳ יעקב הכהן כ״ץ משיקאַגאָ (תרס״ה – ר״ח חשון תשנ״ג).

10) ר׳ מיכאל דוואָרקין (תרכ״ו – ערב שבועות תש״ט).

11) ראה גם שיחת סדר א׳ דחה״פ תש״ח (ספר השיחות תש״ח ע׳ 199).

# אחש״פ בסעודה, תש״ז

א. הוד כ״ק רבינו הזקן איז אין זיינע קינדער יאָרען, ביי זיין פאָטער הצדיק החסיד הרב ר׳ ברוך[1], געווען געוועהנט מקרב זיין אויך די פשוטע אידען ווי ער האָט צוגעזעהן דעם אופן סדר הנהגה פון זיין פאָטער[2].

קומענדיג נאָכדעם אין וויטעפסק און זעהענדיג די הנהגה פון די גדולי בני תורה, אַז זיי זונדערן זיך אָפּ פון די פשוטע אידען, האָט הוד כ״ק רבינו הזקן נאָכגעפאָלגט זייער הנהגה און אין אַזאַ סדר האָט ער געפיהרט זיינע תורה מחונכים[3].

ווען הוד כ״ק רבינו הזקן איז דעם ערשטען מאָל צוריק געקומען פון מעז־ריטש[4], האָבען די תלמידים מרגיש גע־ווען אַ שינוי אין דער הנהגה בהנוגע דעם קירוב צו די פּראָסטע אידען בעלי עסקים און דאָרפס־געהער, שוסטער, שניידער, בעלי עגלות און מאַרק הענד־לער.

אין איינע פון די ערשטע תורות, וואָס הוד כ״ק רבינו הזקן האָט געזאָגט פאַר זיינע גרויסע און איבערגיגעבענע תלמי־דים, האָט הוד כ״ק רבינו הזקן געזאָגט אַ תורה אויף דעם פסוק[5] ואתם הדבקים בהוי׳ אלקיכם חיים כולכם היום.

**ואתם** הדבקים בהוי׳ אלקיכם חיים כולכם היום. דבקות הגשמי בהרוחני איז דער תכלית פון עבודה שבלב. מען דאַרף לייגען גרויסע כחות אין די עניני עבודה והתבוננות אין תיקון חצות און אין דער התבוננות וואָס דאַרף זיין קודם התפלה און דעמאָלט הערט מען אין דער דביקות בעת התפלה דעם נועם אלקי ביז מען ווערט בעלעבט פון דעם אור נועם הוי׳[6] אין אַלע זיינע עניני החיים, די בעלי עסקים אין זייערע עניני פרנסה און די יושבי אהל אין זייער סדר עבודה.

ב. אין חסידות חב״ד פאַרנעמט עבודה שבלב און אריכות התפלה דעם אייבענ־אָן. די התחלה[7] פון תפלת שחרית קומט נאָר דורך דער הקדמה פון קריאת שמע שעל המטה, תיקון חצות[8] און התבוננות וואָס פאַרן דאַוונען, און דאַן, אַז מען האָט געמאַכט אַ הכנה טובה און בפרט אַז די הכנות זיינען מיט אַ לב נשבר[9], אַז די עניני הלב טוב זיינע, זענען מעורר דעם נקודת הלב — קומט ער צו אין דאַוונען צו דעם ענין הדבקות אויף דער־הערען דעם נועם הוי׳.

---

1) ראה אודותיו — ספר הזכרונות ח״א פרק י־כג. כז־כח. ל־לא. לד־לו. מ. מח. נב־סא. ח״ב הקדמה פרק ב־ג. סב. סד. סז. ע־פ. צד. צט. קז. קטו. קיח־קכ. קכד. קל־קלא. קלז. ספר השיחות תרצ״ב ע׳ 50. וש״נ.

2) ראה גם שיחת י״ג אלול שנה זו (ספר השיחות תש״ז ע׳ 149).

3) ראה שיחת ל״ג בעומר שנה זו (ספר השיחות שם ע׳ 123).

4) עוד דברים שאמר או עשה כשחזר ממעזריטש — ראה ספר השיחות תש״ו ע׳ 23. וש״נ.

5) ואתחנן ד, ד.

6) ע״פ תהלים כז, ד.

7) ראה שיחת פורים שנה זו (ספר השיחות תש״ז ע׳ 99).

8) ראה גם המשך תער״ב פשכ״ו. פש״ס (ח״ג ע׳ תתקי. ע׳ א׳). ספר השיחות תרצ״ג ע׳ 238.

9) ע״פ תהלים נא, יט.

אין דעם ענין הדבקות זאָגט הוד כ״ק רבינו הזקן אַ משל פון שני אוהבים נאמנים הדבוקים זה בזה, וואָס איינער איז פאַרדבקות׳ט אין דעם צווייטען אין זיין עצם. די דבקות פון שני אוהבים איז דאָך אויך ווען איינער פון זיי זעהט ניט דעם צווייטען, ווייל די מחשבה וואָס דער איינער טראַכט וועגען דעם צווייטען, וועמען ער זעהט ניט בעיניו ממש, איז די מחשבה זיי מקשר.

אַזוי איז דער אופן התקשרות פון די נשמה בגוף מיט דעם שרש הנשמה. עס איז דאָך נאָר אַ הארה ומקצת הנשמה מלובש אין גוף און זי איז זיך מקשר מיט׳ן עצם הנשמה למעלה, וואָס דאָס איז די מדרי׳ פון יחידה, וואָס זי איז מקבל פון יחיד[10], בחי׳ יחיד איז משפיע אין יחידה.

הגם באמת איז דאָך כל מדרי׳ הנשמה אפי׳ מדרי׳ נפש מקבל פון אלקות, כמאמר[11] חמשה שמות נקראו לה נפש, רוח, נשמה, חי׳, יחידה, איז הגם עס איז פראַן חלוקי דרגות אין נשמה, מ״מ איז פון דעם גופא מובן אַז אַלע מדריגות אין נשמה זיינען חילוקי מדריגות אין אור אלקי.

און בכדי צו האָבען אַ ידיעה אין די ענינים דאַרף מען האָבען אַ חוש אין רוחניות, און בכדי צו האָבען אַ חוש אין רוחניות דאַרף מען האָבען הפשטת הגש־מיות, און דאַן וועט מען פאַרשטיין וואָס איז אַ גשם פון אַ אידען.

ג. החסידים ר׳ אבא ציאַסניקער[12] און ר׳ הענדיל[13] פלעגען עסען סעודות שבת ביים טיש פון הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק, אין ליובאַוויטש.

החסיד ר׳ אבא ציאַסניקער איז געווען אַ זקן. קליינערהייט איז ער געבליבען אַ קיילעכדיגער יתום און האָט זיך אויפגע־צויגען צווישען חסידים. ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי זיינעם אַ פעטער, אַ פשוט׳ער איד, אַ מאַרק־איד, וועלכער איז געפאָהרען צו הוד כ״ק רבינו הזקן.

איינמאָל ביי סעודת שבת האָט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק געבעהטען ר׳ אבא ציאַסניקער ער זאָל עפּעס דערציילען, וואָס ער גידיינקט פון דעם וואָס ער האָט געזעהן און געהערט פון זקני החסידים.

ר׳ אבא איז געווען אַ קליינער, אַ דאַרער בגופו, אָבער דער געזיכט איז ביי איהם געווען פריש אָהן קנייטשין און די אויגען זיינען באַ איהם געווען ערנסט פאַרטראַכטע און שטריינג פאַרטיפטע.

ר׳ אבא האָט זיך אַ ווײלע פאַרטראַכט און האָט אַ ציטער געטאָן, האָט אַ היבשע צייט געטראַכט און אַלע פאָר מינוט האָט ער אָבגעצויגען דעם אָטעם. עס איז גע־ווען קענטיג דייטליך, אַז ער איבערלעבט אַ טיף ריהרענדע געשעהעניש. ווען

10) ראה לקו״ת פ׳ ראה כה, א. סה״מ תרצ״ו ע׳ 57. וש״נ.

11) ראה ב״ר פי״ד, ט. בכמה דפוסים בב״ר שם הוא בשינוי הסדר, אבל כ״ה (נרנח״י) בכתבי האריז״ל (עץ חיים שער מב (שער דרושי אבי״ע) פ״א; שער הגלגולים הקדמה א). ובכ״מ.

12) לפי רשימות רבינו בכ״מ יוצא שנולד לפני תקע״א והאריך ימים – ראה רשימת רבינו „ויכוח הגדול במינסק״ (קה״ת, תשס״ט) ע׳ טו ואילך. רשימת המאסר (לקו״ד ח״ד ע׳ א׳שג. הוספות לספר השיחות תר״פ־תרפ״ז ע׳ 253). שיחת יט כסלו שנה זו (ספר השיחות תש״ז ע׳ 89).

13) המשפיע ר׳ חנוך הענדל קוגל. בא לליובאַוויטש ה׳ אלול תר״ג (אגרות־קודש ח״ג ע׳ תה), ונפטר שם ט׳ טבת תר״ס. ראה אודותיו – קובץ „התמים״ חוברת א ע׳ עט (מא, א) ואילך. ספר השיחות תרצ״ו ע׳ 17. תש״ו ע׳ 17. וש״נ.

החסיד ר' אבא האָט זיך אַ ווײַלע אָבגעֿרוהט האָט ער אָנגעהויבן דערציילן.

ד. אַמאָהל האָט איהם זיין פעטער געזאָגט, אַז ער האָט געהערט פון הוד כ"ק רבינו הזקן אַ ענין, ווי אַזוי אַ איד דאַרף זאָגען מה[14] טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל.

דעם ענין וואָס הוד כ"ק רבינו הזקן האָט מבאר געווען אין דעם מאמר מה טובו, האָט דער פעטער איהם ניט געקאָנט איבערזאָגען, ער איז נאָך געווען צו קליין אויף קענען פאַרשטיין.

דער פעטער האָט איהם מחנך געווען אין דעם סדר החינוך וואָס אידען בכלל און חסידים בפרט האָבען מחנך געווען, אַז קיום המצוות און אהבת ישראל בעדאַרף זיין מיט קבלת עול און דער קבלת עול ברייננגט די איבערגעגעבינקייט צו געטליכקייט וואָס ער איז העכער פון פאַרשטאַנד, און דער קבלת עול כללי עפענט אַ פענסטערל וואָס דורך איהר ווערט דערהערט אין קאָפּ און האַרצען דער אור פון נקודת היהדות, אַז עס לייכט דער פינטיל איד.

החסיד ר' אבא דערציילט דאָס וואָס דער פעטער האָט איהם געזאָגט, וואָס ער האָט געהערט פון הוד כ"ק רבינו הזקן און וואָס ער וועט קענען מיט זיין קינדערשען פאַרשטאַנט אויך בעגרייפען, און דאָס איז וואָס דער פעטער האָט איהם געזאָגט:

„אָט אַזוי בעדאַרף אַ איד זאָגען נאָך ברכות, מה טובו אהליך יעקב, אַז די מדריגה יעקב זאָגט מיט אַ איבערגעגעבענקייט ברכ[ו]ת השחר האָט ער אַ דערהער אין דעם אהל יעקב, איז דער שכר אַז מען ווערט אַ משכן צו דער מדריגה ישראל"[15] און אַזוי בעדאַרף אַ איד זאָגען מה טובו.

ה. אַז דער פעטער פלעגט אויפשטעהענדיג אין מיטען נאַכט זאָגען מיט אַ בעגייסטערטער שטימע די עטליכע ווערטער: „מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי בחמלה, רבה אמונתך", פלעגט דאָס מיך אויפוועקען פון שלאָף.

איך פלעג פאַרציטערט ווערען פון דעם איבערגעגעבענעם ברכות השחר זאָגען, יעדער ברכה האָט דער פעטער געזאָגט אָבגעצויגען און דייטלעך שאַרף.

נאָך ברכות השחר פלעגט דער פעטער זיך זעצען אויפן בריק — פלאָר[16] — און מיט אַ טיפען געוויין זאָגען תיקון חצות און דערביי זעהר שטאַרק וויינען. איך פלעג מיט וויינען. פאַרוואָס דער פעטער וויינט אַזוי פיעל האָב איך ניט פאַרשטאַנען, נאָר פשוט צוזעהענדיג ווי דער פעטער, אַ אַלטער איד מיט אַ גרויסע גרויע באָרד, וועלכער האָט אַ אייגענע הייזעל, האָט נחת פון קינדער און אייניקלעך, און דאָך וויינט ער אַזוי שטאַרק, פלעגט מיר פאַרקוועצען די האַרץ און איך פלעג שטאַרק מיט וויינען ביז וואַנען איך פלעג אַיינשלאָפען און דאַן פלעגט מיר דער פעטער אויפוועקין געהן דאַוונען.

ו. אַז איך בין עלטער געוואָרען האָב איך שוין געוואוסט אַז דער פעטער איז נאָך געווען ביי דעם ערשטען רבי'ן[17] אין ליאָזנא, באַלד ווי ער איז געקומען דעם

14) בלק כד, ה.

15) ראה לקו"ת בלק עד, ג ואילך. סה"מ תרפ"ט ע' רצ.

16) = רצפה.

17) אדמו"ר הזקן.

ערשטען מאָל פון זיין רבי׳ן, דער מעזריטשער מגיד. איך, זאָגט דער פעטער, בין געווען פון די ערשטע תלמידים ביי דעם ליאָזנער מגיד.[18]

דער פאָטער מיינער — דערצעהלט ווייטער דער פעטער — החסיד ר׳ מענדיל ליב, איז געווען אַ חבר מובהק פון מורנו הבעל שם טוב׳ס תלמידים הגאונים הצדיקים ר׳ יוסף יצחק[19] און ר׳ ברוך[1], און מזמן לזמן פלעגט ער פאָהרען צו מורנו הבעש״ט, אויך אָפטערס טרעפען זיך מיט הגאון הצדיק ר׳ יוסף יצחק אין וויטעפסק און מיט הגאון הצדיק ר׳ ברוך ר׳ אברהם׳ס ר׳ ברוך׳ס שווער[20] פון ליאָזנא.

החסיד ר׳ אבא האָט געוואוסט, אַז זיין פעטער איז שוין פיהלע צעהנדליגער יאָהרען ניט אַרויסגעפאָהרען פון זיין שטעטיל, איז הערענדיג פון איהם די תורה פון הוד כ״ק רבינו הזקן אין דעם ענין פון מה טובו אהליך יעקב, האָט ער דעם פעטער געפרעגט, ווען זייט איהר געוועזען ביים רבי׳ן?

ענטפערט איהם דער פעטער, וואָס מיינסטו, אַז איך האָב דאָס געהערט מיט דרייסיג אָדער פערציג יאָהר צוריק, איך האָב דאָס געהערט מיט פינף און אַכציג יאָהר פריהער, ווען איך בין געווען זעקס, זיבען יאָהר אַלט און דאָס איז באַ מיר איינגיבאַקען אין האַרצען און דער ציור, ביי וועלכע אומשטענדען איך האָב דאָס געהערט, איז ביי מיר פריש.

ז. אָט אַזוי האָט אַ חסידים מחונך׳דיגער אינגעל געלעבט מיט אַ סיפור און אַ עבודה וואָרט צעהנדליגער יאָהרען און דער וואָרט האָט געמאַכט אַ קביעות אין נפש.

בכדי אַז מיר זאָלען האָבען אַ פאַרשטעלונג אין דעם דרך החסידות, וואָס מיינט אַ חסידות׳ער פראָסטער איד וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אין אַ חסידות׳ער פאַמיליע, באַ אַ חסידישען מלמד און חסידישע חברים, קען מען דאָס זעהן ווען אַז אָט די פראָסטע חסידישע מחונכים זיינען נאָכדעם געוואָרען יונגע לייט, האָבען זיי בעלויכטען דעם חסידישען קיבוץ מיט זייער אמונה פשוטה אין השגחה פרטית, מיט זייערע לא ידעי מאי קאמרי׳דיגען דאַוונען, תהלים זאָגען און הערען עין יעקב און מדרש, און מיט זייער קבלת עול׳דיגער השתתפות אין אַ חסידישען פאַרברייינגען, בכדי דערוואַרעמען זיך מיט אַ חסידישע התעוררות און געגועים ניגון און דעם חסידישען שמחה ריקוד.

וויפיעל מעלות מיר זאָלען אויסרעכענען און אַרום רעדען אין דער מעלה נפלאה פון דעם חסידישען חינוך, וואָס האָט געשאַפען די חסידישע הויז משפחה, מענער, פרויען און קינדער, אויך אפילו פון די פשוטע חסידישע הייזער, וועט דאָס ניט אַרויסזאָגען און אַרויסברייינגען די הפלאת מעלה העצמית פון חסידישען חינוך.

ח. הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט מיר

18) בכתי״ק נרשם כאן:

מאַיין פאָטער החסיד ר׳ יעקב חיים, באַשע די קינד[ע]ר קריאת שמע זאָגערין אַ זוהן.

ולא הועתק בהעתקת המזכירות.

19) בעלה של דבורה לאה אחות ר׳ ברוך. ראה אודותיו — ספר הזכרונות ח״א פרק יז. יט. כג. כז. ח״ב פרק סז. עט. צד־צה. צט־ר. קב. קד־קח. קטו. קיט. קל־קלא. קלז. לקו״ד ח״ג ע׳ תתקכ. ע׳ תתקלה ואילך. ע׳ תתקעח. ע׳ תתקפ ואילך.

20) ר׳ אברהם דער גערטנער (הגנן) מלאזניא — חותנו של ר׳ ברוך (ראה ספר הזכרונות ח״א פרק יח. יט. ח״ב פרק קל־קלא. קלז. אגרות־קודש ח״ה ע׳ רלט. ספר השיחות קייץ ה׳ש״ת ע׳ 56 ואילך. לקו״ד ח״ג ע׳ תתקכ).

דערצעהלט פון זיינע[21] אַ יחידות באַ הוד כ״ק אביו אאזמו״ר הרה״ק מוהר״ש אין יאָהר תר״מ:

עס איז געווען מאָנטאָג ב׳ אלול, ווען איך בין אַלט געוואָרען זעקס וואָכען[22], האָט הוד כ״ק אאזמו״ר הרה״ק אָנגעזאָגט דורך ר׳ בנציון משרת[23] לכבוד אמי מורתי הרבנית[24], אַז זי זאָל מיך ברייינגען צו הוד כ״ק חותנה.

ווען כבוד אמי מורתי הרבנית האָט מיך געבראַכט האָט הוד כ״ק אאזמו״ר הרה״ק מיך אַוועק געזעצט אויף דעם טיש און האָט צו מיר גערעדט — ווי מען רעדט צו אַזאַ קינד — האָב איך זיך צו לאַכט מיט אַ קינדערשען איסגעשריי.

הוד כ״ק אאזמו״ר הרה״ק איז געווען שטאַרק צופרידען און האָט דאַן געזאָגט, אַז די גרעסטע מעלה וואָס אין סוף זאָגט אויף אידען איז כי נער ישראל ואהבהו[25].

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט מיר אַמאָל מבאר געווען בארוכה דעם נוסח[26] היום הרת עולם, היום יעמוד וכו׳ אם כבנים, אם כעבדים. עס איז פראַן דריי מדריגות[27] א) מדריגת בן ב) מדריגת עבד ג) מדריגת בן שהוא עבד.

מיר האָבען ניט קיין השגה אין דעם הפלאת המעלה פון אַ איש פשוט.

די פשיטות פון אַ פשוט׳ען אידען דערלאַנגט אין פשיטות העצמות[28], וואָס כשם ווי מיר האָבען קיין ידיעה ניט אין התפשטות אלקות און מכ״ש אין די פשיטות העצמות, אַזוי פאַרשטעהען מיר ניט דעם עילוי והפלאה פון די פשיטות פון אַ פשוט׳ען אידען[29].

אַ פשוט׳ער איד אַז ער שטייט מיט זיין פערד און וואָגען אין מאַרק און מיט אַמאָל רייסט זיך באַ עם אַרויס: אַי, רבונו של עולם! אָהן אַ הכנה און אָהן אַ פאַרוואָס, האָבען מיר דאָך גאָרניט קיין ווערטער אַרויסצוגעבען וואָס דאָס מיינט, און אויף וואָס דער געשריי דייטעט אָן.

מיט דעם אויסגעשריי איז ער מברר דעם פערד און וואָגען און דעם גאַנצען וועג אויף וועלכען ער פאָרט.

וויפיעל מען זאָל ניט ריידען אויספירליכע ערקלערונגען אין דער אומגעהויערע מעלה עצמית פון דעם פשוט׳ען אידען וועלין אונז אויספעהלין ווערטער און ריכטיגע אויסשפראַכען אַרויסצוגעבען די הפלאה פון דעם אויסגעשריי פון אַ פשוט׳ען אידען, אַי, רבונו של עולם.

מען דאַרף האָבען אַ געפיהל אין דעם.

און צו האָבען דעם געפיהל אין דער מעלה עצמית פון דעם פשוט׳ען אידען בעדאַרף מען זיין אַ בעל חוש.

ט. דאָס איז דער חוש אין דער מעלה עצמית פון אַ פשוט׳ען אידען וואָס איז אַ מאמין באמונה פשוטה און דעם חוש

21) זיינע: אוצ״ל: מיינע.

22) רבינו נולד י״ב תמוז תר״ם.

23) ראה אודותיו — אגרות־קודש ח״ג ע׳ תעה. ח״ד ס״ע רצה ואילך. ח״ז ע׳ עב ואילך. ספר השיחות תרצ״ו ע׳ 151. שיחת ש״פ נח שנה זו (ספר השיחות תש״ז ע׳ 83). וש״נ.

24) הרבנית הצדקנית מרת שטערנא שרה. רשימת רבינו אודותה — ספר השיחות תרפ״א ע׳ 13.

25) הושע יא, א. וראה אוה״ת בשלח ע׳ שפב ואילך. ד״ה כי נער ישראל ואוהבהו תרס״ו (סה״מ תרס״ו ע׳ כז ואילך), תשט״ז (סה״מ תשט״ז ע׳ ל ואילך). סה״מ תרע״ח ע׳ קנט ואילך. תרפ״ב ס״ע קיא. לקו״ש חכ״א ע׳ 20 ואילך.

26) פיוט „היום הרת עולם״ בתפלת מוסף דר״ה.

27) ראה גם תניא פמ״א (נז, א). אוה״ת עקב ע׳ תקכו.

28) ראה ספר השיחות תש״ו ע׳ 3. וש״נ.

29) בהנחה בלתי מוגה: אַ חסיד שטייט ניט מיט׳ן וואָגן אין מאַרק, אַ חסיד איז אומעטום חסיד, אין מאַרק, אין סטאָר, אין גאַס.

האָט מורנו הבעש"ט אויסגעבעהטען זייענדיג אין היכל המשיח[30].

ווי עס איז ידוע בארוכה און עס ווערט פנימיות'דיק ערקלערט דער מאמר וואָס מורנו הבעש"ט האָט געפרעגט משיח'ן אימתי קאתי מר[31].

מען דאַרף זיך מתבונן זיין אין דעם פירוש המלות פון דער שאלה וואָס מורנו הבעש"ט האָט געפרעגט זייענדיג אין היכל המשיח[31] „אימתי קאתי מר", און אין דער תשובה וואָס משיח האָט געענ־פערט מורנו הבעש"ט „לכשיפוצו מעיינו־תיך חוצה".

אין אַ אריכות'דיגער שיחה[32] האָט מען מבאר געווען, אַז אין מתן תורה האָט מען מלמעלה געגעבען צו משה רבינו כל מקצעות התורה און בימי אבלו של משה זיינען כמה הלכות נשכח געוואָרען און חכמי נשיאי הדורות החזירם בפלפולם[33].

מורנו הבעש"ט האָט מגלה געווען די הפלאת המעלה פון שלש אהבות[34] א) אהבת השם ב) אהבת עבודת השם ג) אהבת ישראל, און ווי יעדער בן און בת ישראל בעזיצען די מעלות עצמיות אין די אַלע דריי אהבות.

י. אין אַ פאַרברייינגען שמחת בית השואבה תרנ"ט האָט הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק מבאר געווען מיט אַ גרויסע הקדמה כללית, וואָס די כוונה עליונה איז אין ירידת הנשמה בגוף ווי מורנו הבעש"ט האָט מגלה געווען[35] — אַז דאָס איז די שלש אהבות א) בכל לבבך ב) בכל נפשך ג) בכל מאדך[36].

הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק האָט דאַן באריכות גדולה מבאר געווען, אַז די אהבת השם בעדאַרף זיין בכל לבבך, די אהבת התורה ומצות בעדאַרף זיין בכל נפשך, די אהבת ישראל בעדאַרף זיין בכל מאדך, און האָט מבאר געווען דעם ענין פון גבול און בלי גבול. ווי גרויס עס איז די עבודה אין אהבת השם און אהבת התורה ומצות איז דאָס אַלץ גבול, אַ למעלה'דיגער גבול, אָבער אַלץ איז דאָס אַ מדריגה וואָס מען קען ניט זאָגען אויף איהר בלי גבול. אָבער די אהבה פון בכל מאדך איז בלי גבול.

די אַלע חילוקים אין די שלשה סוגי אהבות ווי דאָס איז אין דיבור, אויך אפילו אין מחשבה, איז דאָס ניט בערך לגבי ווי עס איז אין עצמי, וואָס עס איז באמת למעלה פון השגה. דער אור עצמי פון דער אהבה עצמית פון עצמות אין סוף צו דער הארת הנשמה וואָס איז אין גוף איז כ"ק רבינו הזקן מבאר אין חסידות וואָס מורו הרב המגיד ממעז־ריטש האָט מגלה געווען בשם מורנו הבעש"ט[37].

אַ חב"ד חסידישער מחונך וואָס האָט אָפענע אויערן צו הערען אַ חסידישען וואָרט ביי אַ חסידישען פאַרברייינגען[38] קאָן און האָט אַ ציור מושג אין דעם, אַז ווען מען דערמאָנט אַ תורה וואָרט פון אַ רבי'ן איז מען מעורר די נשמה ווי זי איז אין ג"ע התחתון און ג"ע העליון[39].

30) ראה שיחת ח"י אלול שנה זו ס"ג.

31) אגה"ק דהבעש"ט נדפסה בכתר שם טוב (הוצאת קה"ת) בתחילתו. וראה ספר השיחות תר"ץ ע' 84 ואילך.

32) ראה גם ספר השיחות תש"ב ע' 10.

33) ראה תמורה טז, א.

34) ראה ספר השיחות תש"א ס"ע 92 ואילך. שיחת פורים שנה זו (ספר השיחות תש"ז ע' 100). מקומות שצויינו בהערה הבאה.

35) ראה ספר השיחות תש"ה ע' 120. תש"ח ע' 225.

36) ואתחנן ו, ה.

37) ראה ספר השיחות תש"ח שם.

38) ראה שיחת ליל א' דחה"ס תש"ו ס"ז.

39) ראה ספר השיחות תש"ב ע' 145.

לחיים,

דער אייבערשטער זאָל ממלא זיין יעדערען וואָס עס פעהלט און דער אייבערשטער זאָל אַריינגעבען יעדערען דיעה צו וויסען וואָס עס פעהלט אין עבודה.

יא. כ״ק אדמו״ר שליט״א ביקש את הר׳ מיכאל דוואָרקין שי׳[40] שילמד את התמימים דפה די אַלטע ליובאַוויטשער ניגונים.

אמר הר״מ שי׳: זיי זיינען ביי זיך שטאַרק אין די דיעה און זאָגען אַז זיי קענען גוט.

ויאמר כ״ק אדמו״ר שליט״א:

עס איז דאָך ידוע דער וואָרט פון זיידען הוד כ״ק אאזמו״ר הרה״ק מהר״ש, עס איז דאָ גוט און עס איז דאָ נאָך בעסער, צי אַז גוט איז גוט, איז בעסער ניט בעסער[41].

יב. אחרי שהר״מ שר את הניגון הידוע של הרה״צ ר׳ מיכל׳ע זלאָטשעווער[42] אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א:

איך בין מכיר טובה מיכאל׳ן, וואָס צוליעב זיינעם אַ ניגון האָב איך אַמאָל זוכה געווען צו הערען פון הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק אַ ביאור בכמה שעות אין דעם ענין פון אורות דתהו אין כלים דתיקון.

הוד[43] כ״ק אאמו״ר האָט מסדר געווען אַז עס זאָל זיין אַ צימער טעלעפאָן פון זיין צימער צו מיין צימער און אָפט פלעגט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק רײדען צו מיר דורכ׳ן טעלעפאָן. דער טעלעפאָן איז געווען צוליעב דעם אַז איך זאָל קענען לפעמים גלייך איבערגעבען אַ נויטיגע זאַך, אויך ווען די טיר צו הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק איז אָבגעשפאַרט.

איך האָב דאַן אַיינגעאָרדענט אַז דער טעלעפאָן וואָס איז געשטאַנען באַ הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק אויפן טיש זאָל אַלעמאָל זיין אָפען, אויך שבת, און דעם אַפּאַראַט[44] וואָס איז דערצו געווען פלעג איך אויף שבת עפענען, איך זאָל אין אַלע צייטען קענען הערען ווי הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק דאַווענט און לערענט די שיעורים אין נגלה, קבלה און חסידות[45].

---

40) ר׳ מיכאל דוואָרקין (תרכ״ו – ערב שבועות תש״ט).

41) ראה שיחת ליל ז׳ תשרי שנה זו (ספר השיחות תש״ז ע׳ 62). אגרות־קודש ח״ד ע׳ קסח. ע׳ שמ. ח״י ע׳ יג. חי״ד ע׳ תלו.

42) ע״ד ניגון זה – ראה שיחת פורים שנה זו (ספר השיחות תש״ז ע׳ 99). וש״נ.

43) בהבא לקמן – ראה לקו״ש ח״ב ע׳ 506: „בשעת מען האָט מסדר געווען אַ טעלעפאָן צווישן די חדרים פון רבי׳ן נ״ע מיטן רבינ׳ס, פלעגט אָפט טרעפן, אַז דער רבי נ״ע זאָל אָנקלינגען דעם רבי׳ן און זאָגן: קאָנסט אַריינגיין, איך וועל פאַרויכערן. דער רבי פלעגט אַריינגיין, אָנצינדן אַ שוועבעלע, אָנצינדן דעם פאַפּיראָס, און דער רבי נ״ע פלעגט פאַרויכערן.

דער רבי נ״ע פלעגט מיט אים ריידן אין דעם ענין אין וועלכע ער – דער רבי נ״ע – האָט זיך עוסק געווען. אָדער פרעגן: וואָס האָסטו צו דערציילן? דעמאָלט פלעגט דער רבי מציע זיין עניניו.

אין אַ צייט אַרום איז דער רבי געפאַלן אויף אַ המצאה, און ערב שבת אָדער ערב יום טוב פלעגט ער אונטערלייגן אונטערן טרייבל אַ שוועבעלע, עס זאָל זיך ניט קענען גוט צומאַכן, כדי ער זאָל קענען הערן ווי זיין פאָטער דאַוונט ביי זיך אין צימער״.

במכתב ד׳ מנ״א תשכ״ג (אגרות־קודש חכ״ב ע׳ תפא) – במענה על השאלה שאולי נוכל ללמוד היתר על „מייקרופון״ או „טייפּ רעקאָרדער״ אם אותו המדבר אינו מכוון לדבר לתוכו – „בענין הטליפון שכותבו – אינו דומה כלל לענין המיקרופון: א) המדבר אינו יודע כלל עד״ז. ב) לא ניחא לי׳ (ואדרבא היפך רצונו) שישמעו בחדר אחר. ג) אינו פסיק רישא כלל, כיון שרק הדבור בקול רם ובסמיכות מקום להטלפון – פועל על הטליפון. ועוד״.

44) = מכשיר.

45) בהעתקת המזכירות העיר הכותב: „האין כדאי

בעזונדער ריהרענד פלעגט זיין דער חב״ד ניגון וואָס הוד כ״ק אאמו״ר זינגט אין מיטען לערנען אָדער שרייבען חסידות. די געגועים התעוררות תנועות, הן אין די שפלות און צובראָכינקייט תנועות און הן אין די פנימיות׳דיגע תקוה אויפגיהייבענקייט, השגה און עבודה תנועות, וועלכע האָבען מעורר געווען אין אַ פנימיות. עס האָט אויך שטאַרק צובראָכען וואָס מען איז ווייט פון די הרגשי עבודה.

יג. איינמאָל[46] איז[47] הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק געגאַנגען צו מיר, דורכגעהענ־דיג די חדרים האָט ער געדאַרפט דורכ־געהן אַ פאָדער צימער[48], אין דעם געהט אַריין מיכאל דוואָרקין פון הויף אין דעם פאָדער צימער און הויבט אָן טאַנצען אַרום טיש מיט דעם ניגון הידוע בשפת רוסית: „נֶיעט, נֶיעט, ניקאווָא, קְרָאמֶיע בָּאהָא אַדנַאהָא״ — זהו תרגום של „אין עוד מלבדו״[49] — אַז מיכאל האָט גע־טאַנצט, איז ער געווען אינגאַנצען רויט, געטאַנצט מיט׳ן גאַנצען עצם.

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק איז געבלי־בען וואַרטען אין דעם צווייטען צימער[50] ביז רמ״ד איז צוריק אַרויס פון פאָדער צימער.

הוד כ״ק אאמו״ר האָט דאַן געזאָגט, אַז דער ניגון ביי מיכאל׳ן איז דאָך גע־קומען פון וואַלד, אַ וואַלד ניגון — רמ״ד הי׳ עסקו ביער — דאָס נעהמט זיך ניט ביי איהם פון זהר אָדער פון ע״ח[51], נאָר פון וואַלד. און הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט מיר דאַן מבאר געווען באריכות דעם ענין פון אורות דתהו בכלים דתיקון.

— ר׳ מיכל׳ע זלאָטשעווער׳ס ניגון — זאָגט ר׳ מיכאל דוואָרקין — איז ניט אַ ניגון, די תנועה איז אַ התבוננות[52].

והעיר ע״ז כ״ק אדמו״ר שליט״א: אַ הפשטה׳דיגע התבוננות. עס איז דאָ אַ התבוננות בהלבשה און עס איז דאָ אַ הפשטה׳דיגע התבוננות[53].[54]

חניכי החסידים בכלל, ווי מען האָט בארוכה גערעדט וואָס אַ חסידישער מחונך איז, און די וואָס האָרעווען אין עבודה שבלב מיט דער הקדמה פון ק״ש שעהמ״ט[7] בפרט, האָבען אַ געשמאַק אין דעם וואָס עס גיט זיך ניט אַרויס אין ווערטער בכלל און אין ביאורי הסבר בפרט[55], עס איז דער ריכטיגער תוונא דליבא[56].

---

להוסיף כאן הערה, כי הטלפון ההוא הי׳ כזה שמצב הקול לא פעל שום מלאכה, ולא כדרך הטלפונים של עכשיו אשר אומרים כי עצם הדיבור גם כן פועל בעלעקטריק״. וראה הערה 43.

46) בהנחה בלתי מוגה: איך פלעג אָפּט האָבן אומגעריכטע אורחים, דער טאַטע פלעגט אָפּט זיין ביי מיר אַ אורח. איינמאָל [ההמשך בפנים].

47) בהבא לקמן — ראה גם ספר השיחות תרצ״ט ע׳ 338. וש״נ.

48) בהנחה בלתי מוגה: דאָרט איז געווען אַמאָל די סוכה, און נאָכדעם אַ ווערַאנדע [= גזוזטרה; מרפסת] אין גאָרטען.

49) ואתחנן ד, לה. וראה גם שיחת י״ב תמוז תשכ״ה (תו״מ ח״ד ע׳ 70). ועוד.

50) בהנחה בלתי מוגה: איז געבליבען שטיין אונטער דער טיר — ווייל ער האָט אים ניט געוואָלט שטערן — ביז [ההמשך בפנים].

51) = עץ חיים.

52) בהנחה בלתי מוגה: כ״ק אדמו״ר שליט״א שאל את ר׳ מיכאל דוואָרקין, אם הוא זוכר את הניגון. וענה ר׳ מיכאל: דאָס איז ניט קיין ניגון, דאָס איז אַ התבוננות... (שחוק).

53) ראה גם סה״מ תרפ״ב ע׳ שלו ואילך. אגרות־קודש ח״ב ע׳ שב.

54) בהנחה בלתי מוגה: בכלל מיכאל׳ס עבודה דאַרף ניט קיין ביאורים...

55) ראה ספר השיחות תרצ״ה ע׳ 495 ואילך.

56) ראה פרש״י סנהדרין לה, א (ד״ה ליבא). וראה

יד. מיר זיינען אָרעם אין השכלה, מיר זיינען אָרעם אין הבנה, מיר זיינען אָרעם אין ידיעה – מיר זיינען קטני ידיעה – ומכ״ש אַז מיר זיינען אָרעם אין הרגש צו דערהערען דעם ענין פון אהבת ישראל.

אַ מצוה טוען מיר מיט קבלת עול, און די מלאכים דערלעגען וואָס עס פעלט. עס איז דאָ אַ מלאך מיכאל און עס זיינען דאָ אַנדערע מלאכים. מלאך איז ענינו אויף דורכפיהרען אַ שליחות[57]. השם יתברך האָט מיט וועמען דורכצופיהרען אַ שטיקעל אַרבעט און די אַרבעט ווערט אָבגעטאָן מיט אַלע פרטי פרטים.

פראַן גוטע מלאכים וואָס פיהרען דורך זייער התעוררות אַרבעט, דאָס הייסט זיי זיינען מעורר מיט אַ גלעט. פראַן מלאכים וואָס פיהרען דורך זייער התעוררות אַרבעט מיט אַ קיצעל. עס זיינען פראַן מלאכים וואָס פיהרען דורך זייער התעוררות אַרבעט מיט אַ שנעל און אַ קיצעל.

און עס איז אויך פראַן מלאכים וואָס פיהרען דורך זייער התעוררות אַרבעט מיט כעס און רתיחה, אַז חוץ דעם וואָס זיי שלאָגען אָהן רחמנות, מכות אכזריות, לאַכען זיי אויס די וואָס ווערען גע־שטראָפט און מאַכען זיי פיהלען זייערע עונשים דורך רשעות און שפּאָט.

ווי מיר זעהען במוחש און פאַרשטעהן דאָס זעהר גוט, אַז עס פעהלין ניט אַלער־ליי שלוחים אויף מאַכען פיהלען דעם מענשען מיט אַ הרגש פנימי אויף אַלע זיינע ענינים הלא טובים ביז דער מענש חאַפּט זיך וואָס מיט איהם טוהט זיך און ער חאַפּט זיך אין וואָס פאַר אַ זינקענדי־קער בלאָטע ער טרינקט זיך.

טו. דער טיפער הימעל רוף, שובו שובו מדרכיכם הרעים ולמה תמותו בית ישראל[58], וועקט אויף דעם נקודת הלב באַ יעדער אידען בכלל און באַ די חסי־דישע מחונכים בפרט און פועל'ט אַ אי־בערגיגעבינקייט צו קיום התורה ומצוות און איז מעורר טיפע ווירקזאַמע יוגענד זכרונות, וואָס יעדער חסידישער מחונך ווערט נתעורר לפי אופן חינוכו און אי־בערלעבונגען אין זיינע קינדער יאָהר־ען[59].

באַ חסידישע מחונכים איז פראַן אַ מסורה'דיגער וואָרט פון די גאָר גאָר אַלטע ווערטער, וואָס זקני החסידים פלעגען איבערחזר'ן וואָס זיי האָבען מקבל געווען פון די ערשטע חב״ד חסידים.

„אמת אַז דער היינט איז שפּעטער ווי דער נעכטין, אָבער אונזער טרייסט איז, אַז דער היינט איז פריהער פאַר דעם מאָרגען" און פלעגען זיך דערביי צוזינ־גען מיט אַ פנימיות בטעם'טען, געוויסען התעוררות ניגון און אַוועקגעהן אַ דביקות טאַנץ.

דער דביקות טאַנץ איז געווען דער טל תחי', וואָס האָט בעלעבט און בעגייס־טערט די גאַנצע חסידישע פאַמיליע. קינדער האָבען זיך געריסט מיט די גע־הערטע סיפורים, וואָס זיי האָבען גע־הערט פון זייערע עלטערען און האָבען דאָס איבערגעגעבען צו זייערע קינדער און קינד'ס קינדער.

די קינדער זכרונות פלעגען זיך בעזונ־דער צופלאַקערן ווען אַ חסידישער

---

57) ראה לקו״ת ויקרא א, ג. ובכ״מ. לקו״ת אחרי כח, ד. אוה״ת ענינים ע׳ רכו. ספר השיחות תרצ״ד ע׳ 356. וש״נ.

58) יחזקאל לג, יא.

59) ראה גם שיחת ליל שמע״צ תש״ו ס״א.

מחונך פלעגט אַריינגעהן אין שוהל אָפּ־דאַוונען און טרעפין דאָרט אַ עלטערען חסיד דאַוונען מיט אַ דביקות.

טז. אָבער דאָ אין דעם לאַנד, אין דער ביזנעס און אַרבעט פאַרטרונקענער אַמעריקא, איז אויך ביי דער מיוחס׳דיגע גזע החסידים פאַרטרונקען געוואָרען דער חסידישער אהבת אחים.

די ערשטע אָנגעקומענע אין אַמערי־קא, איז אויסער וואָס זיי האָבען געהאַט מסירת נפש אויף שמירת שבת, כשרות, באָרד און פיאות, האָבען זיי געמאַכט חברות, חברות מיט היימיש געבורטס נעמען, בכדי קינדער און קינדס־קינדער זאָלען וויסען זייערע עלטערענס און אור עלטערען׳ס געבורטס ערטער, אָפּשטאַ־מונג און יחוס.

אָבער ליידער דער אַמעריקאַנער ים הקרח האָט אין אַ געוויסער מאָס דאָס אַלעס פאַרטרונקען און דער ירושה׳דיג־ער אבהת ישראל וואָס עלטערן האָבען איבערגיגעבען קינדער איז פאַרפלייצט געוואָרען, אַז עס פעהלט דער חסידישער משפחה׳דיגער געפיהל פון איינעם צום צווייטען.

דער גזע החסידים אין אַמעריקא האָט חלילה פאַרלאָרען די טייערסטע ירושה וואָס זייערע אור אור עלטערען האָבען זיי מנחיל געווען.

אַמעריקאַנער אידען זיינען — גלויבט השי״ת אָהן עין הרע, גרויסע בעלי צדקה, אָבער דער געפיהל אין אהבת ישראל פעהלט.

אַז איינער האָט פרנסה ווישט מען זיך שוין אָב די הענד און מען פטר׳ט זיך שוין. עס דאַרף דאָך אָבער אַהרען דער אַנדערער, עס דאַרף עם פאַראַהרען דער זולת און דאָס פעהלט.

דאָס איז גורם אַז דער איש הפשוט לערינט זיך אָב פון עם, ער טראַכט זיך, אויב דער בן תורה האָט ניט קיין געש־מאַק אין וואָס מען דאַרף האָבען אַ געש־מאַק, און האָט אַ געשמאַק אין דעם וואָס מען דאַרף ניט האָבען קיין געשמאַק, היינט וואָס זאָל ער שוין טאָהן.

דער איש הפשוט ווייס דאָך ניט פון זיין מעלה אין פשיטות העצמות[60], וואָס באמת דאַרף זיך גאָר דער בן תורה אָבלערנען פון עם, אָבער דער איש הפשוט ווייס דערפון ניט, במילא קוקענ־דיג אויפן בן תורה ווי אַזוי ער פיהרט זיך ניט כדבעי, שאַדט דאָס איהם אין זיין הנהגה.

לחיים, דער אייבערשטער זאָל געבען אַ געזונטען תמיד אין גשמיות און אין רוחניות.

בהמשך הסעודה אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א עוד הפעם: לחיים, דער אייבער־שטער זאָל געבען אַ פרעהליכע וואָך, כ׳מיין ניט נאָר די וואָך, נאָר בכלל, אַז די וואָכעדיגע טעג זאָלן זיין פרעהליך, מען זאָל האָבען פרנסה, זיין רייך און קענען טאָן אין עבודה מיט הרחבה, מען זאָל זיין געזונד, רייך, פרום און קלוג.

דער אייבערשטער זאָל געבען מען זאָל ווערען מענשען, וועט מען נאָכדעם בעהטען מען זאָל זיין חסידים.

יז. אַז הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק איז געווען אין רוסטוב האָבען די דאָקטוירים שטאַרק מזהיר געווען אַז לרגלי חלישות בריאותו מוז ער זיין מעהר צייט אויף דער לופט און גיין שפּאַצירען בערך אַ שעה מיט אַ האַלב.

אין דיביידע אָפרוה צייטען ווען ער

60) ראה לעיל ע׳ 7.

פלעגט זיצען אויפן באַלקאָן[61] אין דער פריה און אין אָוונד גייענדיג שפּאַצירען פלעגט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק מיט מיר ריידען אין עניני חסידות און איבערגעבען פערשידענע זכרונות, וואָס ער האָט געהערט מהוד כ״ק אאזמו״ר הרה״ק און אויך פערשידענע ענינים און ביאורים אין תורת החסידות.

יח. איינמאָל[62] זיינען מיר געגאַנגען אויף דער סאַדאָווער גאַס, האָט זיך הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק אָבגעשטעלט בעטראַכטען אַ פענסטער אויסשטעלונג פון פערשידענע מאַשינעס און האָט יעדער מאַשינע בעטראַכט.

אויף איינע פון די אין פענסטער אויסגעשטעלטע מאַשינען האָט הוד כ״ק אאמו״ר געזאָגט, „דער וואָס האָט ממציא געווען די מאַשין האָט בעזיצט אַ ערנסטען טיפען כח שכל הממציא״.

מען[63] דאַרף זיך פאַרטראַכטען וואָס מ׳קען דערפון אָבלערנען אַ ענין אין עבודה.

עס איז דאָך דאָ אַ כוונה אין די השגחה פרטית, אַז פונקט יעצט איז מען געגאַנגען שפּאַצירען און גראַדע אויף די גאַס און אָנגעטראָפען צו זעהן די נייע מאַשין, דאַרף מען דערפון עטוואָס אָבלערנען אין עבודה.

אַזוי איז די דרכי החסידות, אַז קיין זאַך איז ניט קיין גולם, יעדער זאַך וואָס מען זעהט — רעדט און דערצעהלט עפּעס, און מען דאַרף דערפון אָבלערנען אַ ענין אין עבודה[64].

יט. הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט זיך אין אַלע זמנים פון מיינע קינדער יאָהרען אָבגעגעבען מיט מיין חינוך.

אין די עניני חינוך איז אויך אַריין דער לערנען מיט מיר דעם פירוש המלות[65] פון די עניני ברכות ותפלות החג והמועד, ר״ה, יוכ״פ, חג הסוכות וחג הפסח[66], לקוטי מחזור און לקוטי סליחות.

דער אופן הלימוד מיט מיר איז אַלע מאָל געווען מעהר ווי מיין בית קיבול האָט פאַרנומען.

אַזוי איז דער חב״ד חסידישער דרך החינוך והשפעה, ניט נאָר ממלא זיין דעם בית קיבול פון תלמיד, נאָר מאַכען אַ טיפערן תוך אין דעם בית קיבול, אַז דער תלמיד זאָל קענען צו נעהמען העכער ווי זיין בית קיבול פאַרנעמט.

כ. איך וועל אַייך דאָ איבערגעבען אַ פּאָר ווערטער פון דעם פירוש הגדה של פסח וואָס הוד כ״ק אאמו״ר האָט מיר געלערנט נאָך גאָר גאָר אין מיינע יוגענד יאָהרען.

„סדר של פסח״ פסח מל׳ דילוג[67], איבערשפּרינגען, פון גאָר גאָר אונטען ביז גאָר גאָר הויך. דאָס מיינט, אַ שטאַרקען שפּרונג מיט אַ גרויסען אימפּעט[68]. פונ־

61) = גזוזטרה; יציע; מרפסת.

62) ראה שיחת ליל ב׳ דחה״פ תש״ח. יום אחש״פ תש״ט (ספר השיחות תש״ח ע׳ 204. תש״ט ע׳ 322). וראה גם שיחת יום ב׳ דחג השבועות שנה זו (ספר השיחות תש״ז ע׳ 133).

63) בהנחה בלתי מוגה: צוריקגייענדיג, זאָגט דער טאַטע אַז מען דאַרף זיך [ההמשך בפנים].

64) ראה גם ספר השיחות קייץ ה׳ש״ת ע׳ 11. ע׳ 73. ע׳ 133. כתר שם טוב (הוצאת קה״ת, תשנ״ט) הוספות סימן רכג ואילך. וש״נ.

65) ראה שיחת י״ב תמוז שנה זו. שיחת יום שמח״ת תש״ט, ה׳שי״ת (ספר השיחות תש״ז ע׳ 140. תש״ט ע׳ 286. ה׳שי״ת ע׳ 378).

66) ראה גם ספר השיחות תרצ״ה ע׳ 516. שיחת י״ב תמוז שם.

67) ראה פרש״י בא יב, יא. שם, יג.

68) = דחף; מרץ; התעוררות.

דעסטוועגען איז אין דעם גרויסען שפּרינגען אויף פראַן אַ סדר.

„יקח ג׳ מצות, ישראל ועליו הלוי ועליו הכהן״[69]. דער יסוד איז ישראל, ועליו מל׳ עלי׳, ועליו הלוי ועליו הכהן, הפי׳ אַז מדרי׳ ישראל קען נתעלה ווערען צו מדרי׳ כהן.

דורך וואָס קען מען צוקומען צו די עלי׳, דאָס איז דורך עבודת התפלה.

אַלטע חסידים פלעגען חזר׳ן אַ אַלטען קבלה וואָרט, וואָס זיי האָבען מקבל געווען חסיד מחסיד, זקן מזקן, אַ פּירוש וביאור פנימי אויף דעם סגנון הרגיל, עבודת התורה, עבודת התפלה, עבודה וואָס ברייגנט צו לערנען און עבודה וואָס ברייגנט צו דאַוונען.

דער לערנען נגלה און חסידות און דער דאַוונען מוזען האָבען אַ עבודה הקדמה[7].

דער דאַוונען דאַרף האָבען אַ פאַר׳ן דאַוונען, מ׳קען ווייגען און שוויצען אין דאַוונען, אָבער אויב ער האָט נאָכדעם דעם הרגש אַז ער האָט עטוואָס אויפגעטאָן טויג עס ניט. דער חסרון איז וואָס עס פעהלט די עבודה פון פאַר׳ן דאַוונען.

דער פאַר׳ן דאַוונען דאַרף האָבען קרשעהמ״ט, אויסוויינען זיך אין קרשעהמ״ט. דער קרשעהמ״ט דאַרף האָבען די החלטה אַז מ׳דאַרף ווערן בעסער, שטרעבען צו אַ עלי׳. און דורכדעם געהט מען אַריין אין די טיר פון תפלה.

כא. ניגנו ניגון שמח. אחרי כן אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א:

החסיד ר׳ הלל[70] פלעגט אַ משך זמן אין זומער אַרומפאָהרען אין פערשידענע ערטער און בעיקר אין די חערסאָנער קאָלאָניעס[71] און פלעגט זאָגען חסידות פאַר די פשוטע אידען[72].

אין אַ אַנדער אָרט ווערט דערציילט בארוכה דער ענין, אַז דער עיקר החסידות וואָס מלמעלה האָט מען אַראָפּגעלאָזען אַ נשמה חדשה וועלכע זאָל מחנך זיין אידען מיט אַ געפיהל אין מדות חסידות, ווי מורנו הבעש״ט האָט מגלה געווען[73].

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט גערעדט אין מעלת החסידים אין א) השכלה מיט מוחין און ב) מעלת המדות טובות, וואָס באמת בעדאַרף זייןביידע ענינים, נאָר דער חילוק איז אין קדימה ואיחור[74].

באַ אַ עובד איז די ערשטע זאַך עבודת הלב, תיקון חצות מיט אַ מרירות פנימית, פאַרטיפען זיך אין דער מרירות ביז עס ווערט דערוואַרעמט די האַרץ מיט אַ שטאַרקען פנימית׳דיקען געוויין און דערנאָך ווערט אַ שמחת הלב אין תפלה.

69) בסידור אדה״ז בתחילת סדר הגדה: „סדר הגדה. יסדר על שולחנו קערה בג׳ מצות מונחים זה על זה, הישראל ועליו הלוי ועליו הכהן״.

בפרי עץ חיים שער חג המצות פ״ו: „סדר סידור הקערה ליל פסח, תקח הג׳ מצות מצה שמורה, ותניח הכהן למעלה והלוי למטה ממנו והישראל למטה ממנו״.

70) הרה״ח ר׳ הלל בר׳ מאיר הלוי מאַליסאָוו, הידוע בשם „ר׳ הלל פאַריטשער״ (תקנ״ה – יא מנחם־אב תרכ״ד). ראשי פרקים מתולדותיו – ראה פלח הרמון על ספר בראשית וספר שמות (הוצאת קה״ת) בתחילתם. ספר השיחות תרצ״ו ע׳ 6. וש״נ.

71) ראה ספר השיחות תרצ״א ע׳ 245. תרצ״ו ע׳ 25 ואילך. תרצ״ז ע׳ 250. תש״ג ע׳ 80. רשימת רבינו אדמו״ר ה„צמח צדק״ ותנועת ה„השכלה״ ע׳ 4.

72) ראה ספר השיחות תרצ״ו שם. שיחת שמח״ת בסעודה תש״ו ס״ד. וראה אגרות־קודש ח״ג ע׳ של (הועתק ב„היום יום״ כד אדר א).

73) ראה ספר השיחות קייץ ה׳ש״ת ע׳ 88. תש״ה ע׳ 127 ואילך. ש״פ נצבים שנה זו (ספר השיחות תש״ז ע׳ 151).

74) ראה גם שיחת שמח״ת בלילה תש״ו ס״ג.

אַ משכיל הויבט אָן מיט מוחין, פאַר־שטיין, איז לבד זאת וואָס דער השכלה פאַרשטאַנד איז ע״ד די עמקות און ביאור פון דעם פעצעצער רב אין דעם לשון הגמרא, מאי קא משמע לן, וואָס מיינט דער מאן דאמר מיט זיין פרעגען מאי קא משמע לן, ער זעהט דאָך אַז דער זאָגט אַזוי און דער זאָגט אַזוי, אלא דער פירוש פון דעם איז, מאי קא משמע לן, וואָס פאַר אַ סברא זאָגט ער דאָ. נאָר לבד זאת איז די השכלה ביים משכיל דערגעהט ניט צום האַרצען, און אַז עס קומט יע אין האַרצען איז דאָס ניט נוגע אין עבודה, אַז עס זאָל זיך עטוואָס מאַכען אַ שינוי לטוב, הן אין הרחקת און ביעור הלא טוב און הן אין קירוב און תשוקת הטוב, עס איז אַ קאַלטע געפילטע קישקע.

אַ[75] געפילטע קישקע מיט ווייסע מעהל און שמאַלץ איז אַ גוטער מאכל, אָבער מען בעדאַרף קענען דאָס ריכטיג צוגרייטען. פריהער דאַרף מען אויסריי־ניגען די קישקע פון דעם פרש — שמוץ — און גוט אויסבריען, נאָך דעם אויס־בריען דאַרף מען גוט אויסשאָבען און נאָך אַמאָל אויסוואַשען און דאַן אָנ־פיהלען מיט ריינע מעהל און שמאַלץ און דאַן איז עס אַ מאכל ערב.

עס איז איבעריג צו מבאר זיין דעם נמשל, אַלע פאַרשטעהען דאָס זעהר גוט, אָבער מיט דעם פאַרשטאַנד אַליין אָהן דעם בפועל ממש, ווערט די קישקע ניט ריין.

עס איז אַ חובת גברא עוסק זיין אין דער הכנה פון ריחוק הרע און עס זאָל זיין אַ התחלה טובה אויף עבודה בפועל.

75) ראה ספר השיחות תש״ג ע׳ 174. תש״ה ע׳ 106. שיחת יום ב׳ דחה״ס תש״ו ס״ט. שיחת י״ב תמוז שנה זו (ספר השיחות תש״ז ע׳ 146).

כב. באַ חסידים איז בעקאַנט אַ גאָר אַלטער וואָרט פון חסידים הקדמונים בה־נוגע דרכי החסידות. הכל הולך אחר המעמיד[76]. דער מעמד ומצב אין דרכי החיים פון חיי החסידים הויבט זיך אָן אין די קינדער יאָהרען. ווען דער קינד איז נאָך קליין איז ער סופג — זופּט זיך אָן — מיט די חסידישע סיפורים, מיט די חסידי־שע התעוררות און שמחת הנפש ניגונים.

די סיפורים און ניגונים ערוועקען דעם קינד׳ס כחות און חושי הנפש און זיי ווערען נתגדל און נתחזק מזמן לזמן, פון דעם זמן הקטנות צו דעם זמן הילדות און פון ילדות צו זמן הנערות און מזמן הנערות צו דעם זמן הבחרות, און פון בחרות צו דעם זמן הצעירות און זמן האברכות, און אַזוי אַרום ווערט ער אַ אויסגעפונדעוועטער חסידישער איד אַ בעל משפחה און בעל הדרכה בדרכי החסידות, און ווערט איינער פון דעם חסידות געקרוינטען חיל אשר נגע יראת הוי׳ בלבו[77].

אין סדר עולם זעהען מיר אַז דער קיום המדינות און די גבולי המדינות איז בכוחם פון די אנשי חיל. אַ סאָלדאַט איז דער עיקר אַז ער זאָל טאָהן מיט אַ מסירות נפש.

אַז גוט געלערנטע סאָלדאַטען געהען אין באַי — קאַמפּף — געהט מען מיט אַ פרעהליכען מאַרש[78].

76) ע״פ שבת טו, ב.

77) ע״פ שמואל־א י, כו. שו״ע אדה״ז או״ח מהדו״ב ס״א ס״ב. סידור אדה״ז הערה לתיקון חצות בסופה (ד״ה ואחר הדברים). תניא אגה״ק ס״ל. וראה סה״מ תרפ״ט ע׳ קעד. שיחת יום אחש״פ תש״ב (ספר השיחות תש״ב ס״ע 113 ואילך). ספר השיחות תש״ח ע׳ 251 ואילך. תש״ט ע׳ 337.

78) ראה ספר השיחות תש״ה ע׳ 3. ע׳ 59. שיחות: י״ט

אַ סאָלדאַט געהט אין דעם גרעסטען פייער־קאַמפף מיט אַ פרעהליכען מאַרש, דאָס מיינט, אַז ער געהט אין די זיכערע סכנת נפשות פלעצער מיט אַ פרעהליכען מסירות נפש געזאַנג.

אַ סאָלדאַט אַז ער טראַכט צו קומען אַ היים אַ שלם בגופו, איז ער קיין סאָלדאַט ניט.

אַ סאָלדאַט ווען ער געהט אין מלחמה טראַכט ער נאָר מנצח זיין דעם שונא.

בכדי אַז דער סאָלדאַט זאָל געהן אין בָּאי מיט אַ מסירות נפש כח מוז ער פריהער וויסען אַז דער מנגד איז איהם אַ שונא אין נפש. און ניט נאָר איהם אַליין, נאָר אויך זיין ווייב און קינדער און אַלעמען פון זיין מדינה און אויף איהם ליגט דער חוב איהם מנצח זיין, ניט נאָר כובש זיין, נאָר מוחה זיין, דאָס הייסט, אָבמעקען דעם שונא אינגאַנצען. איז אַז דער סאָלדאַט געהט אין בָּאי — קאַמפף — געהט ער מיט אַ מאַרש.

אַזוי איז אויך אין עבודת התפלה בדרכי החסידות והחסידים.

הוד כ״ק רבינו הזקן איז מדריך חסידי חב״ד אין עבודת התפלה און רופט אָן חסידים וואָס זיינען מחונך בדרכי החסידות „החיל אשר נגע יראת ה׳ בלבם״[77].

חסידי חב״ד וואָס זיינען זיך עוסק אין עבודה שבלב אין האַרצען און מיט׳ן האַרצען[79] זינגען אין דאַוונען[80].

כסלו ויום אחש״פ תש״ט (ספר השיחות תש״ט ע׳ 290. ע׳ 323). לקו״ש חכ״ד ע׳ 320.

79) ראה סה״מ תרצ״א ס״ע קכג ואילך. ספר השיחות תרצ״א ע׳ 152 ואילך. תרצ״ה ע׳ 493 ואילך. שיחת י״ט כסלו תש״ו ס״ה.

80) ראה ספר השיחות תרצ״ד ס״ע 320. ע׳ 322. תרצ״ט ס״ע 378 ואילך. לקו״ד ח״ד ע׳ א׳תקנח ואילך. שיחת יום א׳ דחה״ס תש״ו סט״ו.

אין ניגונים זיינען פראַן ניגונים פון התפשטות און עצמיות׳דיגע ניגונים.

די חב״ד ניגונים זיינען בכלל עצמיות׳דיגע ניגונים, — אויסער די טאַנצענדיגע ניגונים וואָס זיינען „קיי־שפּיי״[81] — פראַן ניגונים וואָס זיינען מעורר שמחה, און פראַן ניגונים וואָס זיינען מעורר מרירות.

אין דאַוונען דאַרף מען האָבען שמחה, און אין קרשעהמ״ט — מרירות, דערפאַר איז אין דאַוונען דאַרף מען זינגען אַ ניגון של שמחה.

די חב״ד ניגונים זיינען עצמיות׳דיגע, ובפרט די ניגונים פון אַ רבי׳ן, און בפרט דעם ניגון פון די פיער פאַלען[82], וואָס דאָס קלאַפּט אָן אין די טיר פון דעם רבי׳ן אין געה״ע, אַז דער רבי זאָל נמשך וועררען צו זיינע חסידים הנמשכים אחריו[83].

כ״ק אדמו״ר שליט״א ציוה לנגן את הניגון של הד׳ בבות מכ״ק אדמו״ר הזקן ובכה הרבה בעת הניגון. אח״כ ניגנו ניגונים שמחים וביניהם הניגון הידוע „האָפּ־קאָזאַק״[84] של ה„שפּאָלער זיידע״[85].

✵

81) = דבר קל הערך.

82) תוי הניגון — בספר הניגונים חלק א ניגון א (ע׳ 1).

83) ראה גם שיחת פורים שנה זו (ספר השיחות תש״ז ע׳ 101).

84) ראה שיחת אחש״פ תש״ד (ספר השיחות תש״ד ע׳ 116), שנוהגין לנגן את ניגונו של השפּאָלער זיידע „האָפּ קאָזאַק״ בשמח״ת ובאחש״פ. — השייכות לחג הפסח — נתבאר בר״ד ליל אחש״פ ושיחת אחש״פ תש״ל (תו״מ תש״ל ח״ג ע׳ 108. ע׳ 134 ואילך).

תוי הניגון — בספר הניגונים חלק ב ניגון כד (ע׳ 18).

85) ראה אודותיו — ספר השיחות תרצ״ז ע׳ 413. וש״נ.

אח״כ[86] בירך כ״ק אדמו״ר שליט״א ברכת המזון. השיריים מהכוס מסר תיכף להר״א סימפסאָן[87] לחלק להמסובים.

86) קטע זה — מהנחה בלתי מוגה.

87) ראה אודותיו — ספר השיחות תש״ו ע' 51 הערה 1.

מוקדש

**לחיזוק ההתקשרות לנשיאנו**

**כ"ק אדמו"ר זי"ע**

❁

ולזכות

**משה הלוי בן פעשא לאה**

**מנוחה קריינדל בת אסתר**

וכל יוצאי חלציהם שיחיו

לאורך ימים ושנים טובות ובריאות

ולהצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב

הוצאת ספרים
קרני הוד תורה
קה״ת
ליובאוויטש